**פאר באלדיגע פארעפענטליכונג:** 10/7/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר קעטי האוקאל, גאווערנאר פיל מוירפי, גאווערנאר טאַם וואלף און גאווערנאר נעד לעמאָנט װעלן מיטטיילן פארברעכן רעוואלווער ציפערן אין באמיאונגען צו פארמיידן רעוואלווער פארברעכן און פארמערן פובליק זיכערהייט**

***לייענט די אפמאך דא.***

ניו יארק גאווערנאר קעטי האוקאל, ניו דזשערסי גאווערנאר פיל מוירפי, פענעסילוועניע גאווערנאר טאַם וואלף און קאנעטיקוט גאווערנאר נעד לעמאָנט האבן היינט אונטערגעשריבן אן אפמאך צו מיטטיילן איינער מיטן אנדערן פארברעכן רעוואלווער ציפערן אין באמיאונגען צו פארמיידן רעוואלווער פארברעכן און פארמערן פובליק זיכערהייט די אפמאך ערלויבט געזעץ אינפארסירונג אגענטורן פון ניו יארק, ניו דזשערסי, פענעסילווועניע און קאנעטיקוט צו מיטטיילן ציפערן און אינפארמאציע איבער רעוואלווער פארברעכנס אריבער סטעיט גרעניצן כדי צו אויפכאפן, צושטערן און אויספארשן רעוואלווער פארברעכנס, און אזוי אויך צו טרעפן און באשטראפן מענטשן וואס קויפן וואפן פאר אנדערע, פארדעכטיגטע וואפן הענדלער און אנדערע קרימינאלן.

"רעוואלווער פארברעכנס האבן אוועקגעריסן צופיל לעבנס, און די זאכן וואס געשעהן צו אונזערע קינדער און קאמיוניטיס צוליב רעוואלווער פארברעכנס איז אומאקצעפטירבאר", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "מיר פארמעסטן זיך מיט קאמפליצירטע פראבלעמען וואס מיר קענען נישט אליין באזיגן, דערפאר נעמען מיר אונטער א וויכטיגע טריט פאראויס היינט מיטן אריינגיין אין א שותפות מיט ניו דזשערסי, פענעסילווועניע און קאנעטיקוט צו פארמיידן רעוואלווער פארברעכנס דורכן מיטטיילן ציפערן איבער רעוואלווער פארברעכנס צווישן אונזערע סטעיטס. די שותפות וועט גיבן פאר געזעץ אינפארסירונג אגענטורן די מעגליכקייטן וואס זיי דארפן, און עס וועט מאכן אונזערע סטעיטס און קאמיוניטיס זיכערער."

"וואפן הענדלער נעטווארקס פירן אפט אן קרימינאלע אקטיוויטעטן צווישן סטעיט גרעניצן, און כדי צו פארמיידן רעוואלווער פארברעכן אין אונזערע קאמיוניטי, מוזן מיר ארבעטן צוזאמען ווי א פאראייניגטע ראיאן", **האט גאווערנאר מוירפי געזאגט.** "דורכן מיטטיילן קריטישע רעוואלווער פארברעכן אינפארמאציע מיט ניו יארק, פענעסילווועניע און קאנעטיקוט, טוהען מיר אויסשטאטן אונזערע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן מיט די נויטיגע מיטלען און אינפארמאציע צו קענען אנאליזירן, נאכפאלגן און אפשטעלן רעוואלווער פארברעכן. אונזער פאראייניגטע צוגאנג צווישן די סטעיטס ווידערהאלט אונזער געמיינזאמע איבערגעגעבנקייט און ציהל פון ברענגען אן ענדע צו רעוואלווער פארברעכנס אין אונזערע קאמיוניטיס און פארמערן פובליק זיכערהייט אין אונזער ראיאן."

"אויב ווילן מיר רעדוצירן די מכה פון רעוואלווער פארברעכן, מוזן מיר ארבעטן צוזאמען מיט שותפים אין אונזערע קאמיוניטיס, און אזוי אויך מיט אונזערע דערנעבנדע סטעיטס, צו אפשטעלן די פלוס פון אומלעגאלע רעוואלווער און די וואפן וועלכע ווערט גענוצט צו אפטוהן קרימינאלע אקטן", **האט גאווערנאר וואלף געזאגט.** "די צוזעמענארבעט צווישן אונזערע סטעיטס וועט זיין א וויכטיגע מיטל צו

באשיצן די פובליק, און איך בין שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט ניו דזשערסי, ניו יארק און קאנעטיקוט אויף אונזער געמיינזאמע ציהל צו מאכן אונזערע קאמיוניטיס זיכערער."

"ארבעטנדיג צוזאמען, קענען די געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אין אונזערע סטעיטס מיטטיילן קריטישע ציפערן און אינפארמאציע איבער רעוואלווער פארברעכן איינער מיטן אנדערן און קאנפראנטירן דירעקטערהייט די סכנה פון רעוואלווער פארברעכן און פון קרימינאלע אקטיוויטעטן", **האט גאווערנאר לעמאָנט געזאגט**. "די ראיאנישע שותפות וועט ערלויבן געזעץ אינפארסירונג אגענטורן פון אלע פון אונזערע סטעיטס צו מיטטיילן ציפערן און אינפארמאציע כדי צו אויפכאפן, צושטערן, אויספארשן רעוואלווער פארברעכנס און באשטראפן מענטשן וואס קויפן וואפן פאר אנדערע, פארדעכטיגטע וואפן הענדלער און אנדערע קרימינאלן. וואפן ווערט אפט טראנספערירט אריבער סטעיט גרעניצן ווען עס איז פארמישט מיט פארברעכן, און קאנעטיקוט איז איבערגעגעבן צו ארבעטן צוזאמען אין די סארטן ראיאנישע פאראייניגונגען צו פארשטערקערן די זיכערהייט פון אונזערע קאמיוניטיס."

פאר די פולע נוסח פון די אפמאך, דרוקט ביטע דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן